בס"ד

שלח תשפ"ד
גליון 196

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיֶיערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### מַיין צִיצִית'ל

די וָואךְ רֶעדְט די תּוֹרָה פוּן די הֵיילִיגֶע מִצְוַת ״צִיצִית״, אִין פָּסוּק שְׁטֵייט: ״דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת, עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם לְדֹרֹתָם וְנָתְנוּ עַל צִיצִת הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת (במדבר טו, לח)״.

די הֵיילִיגֶע מִצְוָה צִיצִית אִיז אַנְטְקֶעגְן אַלֶע מִצְוֹת פוּן די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט: ״וֶוער עֶס אִיז גֶעוָוארְנְט אִין מִצְוֹת צִיצִית, אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה״. די גְמָרָא זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זַייעֶר לִיבּ דֶערְפַאר הָאט עֶר אוּנְז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ מִצְוֹת, צִיצִית אוֹיף די קְלֵיידֶער אוּן מְזוּזָה אוֹיף די טִיר, תְּפִלִּין אוֹיפְן קָאפּ (מנחות מג:).

דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי (תורה ז') אִיז אוּנְז מְגַלֶּה די גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוַת צִיצִית אַז דָאס הִיט אָפּ יֶעדְן אִיד פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת. יָא מִיט די פָּשׁוּט'ע צִיצִית וָואס קָאסְט אַפָּאר גְרָאשְׁן קֶען מֶען בַּיישְׁטֵיין זַייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם צַדִּיק אוּן גֵיין אִין זַיינֶע עֵצוֹת.

די גְמָרָא פַארְצֵיילְט (שָׁם) אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִיד וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר זָהִיר אִין מִצְוֹת צִיצִית אוּן לֵיידֶער הָאט עֶר גֶעוָואלְט טוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵרָה, די לֶעצְטֶע מִינוּט הָאבְּן זַיינֶע צִיצִית'לֶעךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן... אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אִין פָּנִים! אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט גֶעטוּן די עֲבֵרָה.

עֶר הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מִיר אַ מִצְוָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן. דָאס אִיז די מִצְוָה פוּן ״צִיצִית״, עֶס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין פַּרְשַׁת צִיצִית צְוֵויי מָאל דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם, אֵיינְמָאל אוֹיף צוּ גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף וֶוער עֶס הַאלְט אִיר נִישְׁט אַיין אוּן אֵיינְמָאל צוּ בַּאצָאלְן אַ שְׂכַר פַאר וֶוער עֶס טוּט יָא די מִצְוָה. צוּם סוֹף הָאט דֶער אִיד נָאךְ בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר.״

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (צִיצִית ג') אַז דֶער אָנְהֵייבּ עֲבוֹדָה וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן יֶעדְן טָאג, אִיז מִצְוֹת צִיצִית, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵּךְ אַ קְלֵיין קִינְד, אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ טוּט מֶען אִים אָן אַ צִיצִית פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת. ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז וֶוען מֶען הַאלְט די צִיצִית אִין הַאנְט כַאפְּט מֶען זִיךְ אָן אִין כִּסֵּא הַכָּבוֹד פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער! אוּן דָאס גִיבְּט כֹּחַ פַארְן אִינְגֶעלֶע אַוֶועקְצוּשְׁטִיפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע עֶר זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען אַיינְרֶעדְן צוּ טוּן נַארִישְׁקַייטְן אוּן עֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם.

אִין קִצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שְׁטֵייט אַז צִיצִית אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר די אוֹיגְן, עֶס הִיט אָפּ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֵצוֹת פוּן די אֱמֶת'ע צַדִּיקִים, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין נִזְהָר אִין מִצְוַת צִיצִית, מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן בְּשַׁעַתְ'ן אָנְטוּן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ רֵיינֶער אִינְגְל מִיט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

דוּרְךְ מִצְוַת צִיצִית קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנָה, צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן צוּ מְקַרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אוּן צוּ מַאכְן נִסִים אוּן מוֹפְתִים! קִינְדֶער מֶען מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה צוּ הָאבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּשֶׁפַע דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה, וַוייל דִי פַּרְנָסָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוענְד זִיךְ וִוי רֵיין דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּרוּחָנִיוּת. נָאךְ גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין, צוּ אֱמֶת! אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן קַיין שֶׁקֶר פוּן מוֹיל. אוּן וָואס נָאךְ? "אַז וואוּ אוּן וָואס דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועסְטוּ גוּט פַאַרְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען", עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אַזוֹי וִוי אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ – אַ גְרֵייטֶע טִישׁ!

לָאמִיר טַייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה, מִיר וֶועלְן דָאס הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן גֵיין מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן, דִי צִיצִית זָאל אַלֶעמָאל זַיין רֵיין אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא חָשׁוּבֶ'ע מִצְוָה אוּן אָבְּאַכְט גֶעבְּן אַז דִי צִיצִית זָאלְן זַיין אַלֶעמָאל כָּשֵׁר, מִיר וֶועלְן טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אַז דִי מִצְוָה וֶועט אוּנְז שִׁיצְן אוּן הִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי אַ אָדְלֶער שִׁיצְט אוֹיף זַיינֶע קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶעךְ, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אָנְכַאפְּן אַלֶע פִיר – צִיצִית - עֶקְן פוּן דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיסְשָׁאקְלֶען אַלֶע רְשָׁעִים, אוּן מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּם אָנְקוּם פוּן מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.



## טייערע קינדער

בשעת ענק זאגן די קליינע תפלה אויף ראש השנה, טרעף די ווערטער אינעם קעסטל:

"באשעפער, שטיי צו אונזער הילף מיר זאלן זוכה זיין צעברעכן אלע מניעות, זוכה זיין קומען צו די אמת'ע צדיקים אויף ראש השנה און זיך מקשר זיין צו זיי מיט אן אמת, און זוכה זיין בשלמות צו ריינע געדאנקען און מחשבות."

**ברייט**

1. מקשר
3. זיי
4. אונזער
6. ראש
8. צעברעכן
10. די
11. הילף
12. מיט
15. זאלן
16. אמת
19. געדאנקען
20. צדיקים
23. ריינע
24. מחשבות

**פון אויבן אראפ**

1. מיר
2. צו
3. זוכה
4. אויף
5. זיין
7. שטיי
9. בשלמות
13. אלע מניעות
14. באשעפער
15. זיך
17. השנה
18. קומען
21. אן
22. אמת



# הַפָּצָה קינדער

קינדער פון מפיצים דערציילן אלעס ארום הפצה

## א גוטן צדיק, וויאזוי הייסטו?

איך הייס בערי,

## קענסט דערציילן פאר די קינדער איבער די הפצה אויף רעדער?

יא, ס'איז טאקע שוין אריבער אפאר יאר זייט מיין טאטע האט אנגעהויבן זיין א חלק פון די אינטערעסאנטע הפצה, וועל איך ענק דערציילן אביסל, איך האב אויך א חבר מענדי וואס זיין טאטע איז אויך געווען א שותף אין דעם פראיעקט, אפשר וועט ער אויך מיטטיילן עפעס וואס ער האט צו דערציילן.

## לאמיר אנהייבן מיט דיין טאטן.

איך בין געווען נאך זייער אינג, ווען מיין טאטע איז איין טאג אהיימגעקומען מיט א געלע סקול באס [א שולע קינדער באס] פאר מיר איז עס געווען מאדנע, וואס איז געשען? מיין טאטע גייט פירן קינדער אין חדר? אבער עס איז נישט אדורך אפאר טעג און דער באס איז געווארן געפארבט ווייס, מיין טאטע מיט זיינע שותפים זענען געשטאנען און ארומגעקלעפט די פענסטערס פון די באס און געשפריצט ווייסע פארב.

## לאמיר פרעגן מענדי א שאלה: מענדי, דו געדענקסט אויך די מעשה?

א שאלה צו איך געדענק? נאך ווי, מען האט נישט



געקענט טוישן די באס עס זאל באלאנגען פאר א פריוואטן מענטש, נישט פאר א סקול [שולע] נאר אז מען טוישט די קאליר [אין חו"ל זענען די שולע באסעס געל].

אזוי האט מען געפארבט דעם באס און ארויסגענומען אלע זיצן, געלאזט נאר צוויי זיצן פאר די הפצה אינגעלייט, און דאן האבן זיי געבויט שאפעס מיט טירן...

## איין מינוט בערי, די קינדער ווייסן נאכנישט וואס האט די באס צוטון מיט הפצה, מען איז געפארן מיט די באס מאכן התבודדות אין פעלד?

ניין, מען איז ארומגעפארן מיט דעם באס ארום אסאך אידישע געגנטער אין ניו יארק וואו עס וואוינען אידן און דער באס איז געווען פול מיט ספרים, ווען מען איז אנגעקומען צו א שול האט מען אויסגעלייגט טעצער מיט ספרים פארנט פון

# הַכְּפָצָה קִידְעֶר

די שול און אזוי ארום האבן הונדערטער אידן זוכה געווען צו קויפן ספרים און זיך ווארימען אונטערן רבי'נס שאטן.

מענדי: מיין טאטע האט זייער א נאנטער חברותא וואס לערנט מיט אים וואס ער איז טאקע מקורב געווארן א דאנק וואס ער האט געקויפט א ספר פון הייליגן רבי'ן אין קרית יואל און פארנט פון שול!

## מענדי, ווענעמס אייפאל איז געווען די הפצה אויף רעדער?

איך מיין אז א גרויסע חלק איז געווען נאך וואס מיין טאטע איז איינמאל אהיימגעקומען פון אומאן, דארט האט אים א איד זייער אנגעווארעמט צו מאכן הפצה און פארקויפן ספרים מיט די ביליגע פרייז פון מחיר הקרן, ווען מיין טאטע איז אהיימגעקומען האט ער זייער געוואלט אויפשטעלן א קרן, האט ער קודם א האלבע יאר צאמגעשטעלט מיט זיינע חברים געלט און געקויפט ספרים אין ארץ ישראל, און אזוי איז צוביסלעך געווארן די הפצה מער און מער.

## בערי, וואס האסטו פריער געוואוסט אז מען האט אויסגעלייגט טעצער ספרים?

יא, כדי דאס אויספאקן די ספרים אראפ פון דער באס זאל נעמען זייער שנעל, האבן זיי געהאלטן די ספרים אויף לאנגע שמאלע טעצער און אזוי אויך גלייך נאכן פארקויפן האט מען די געבליבענע ספרים ארומגענומען מיט פלאסטיק און גלייך ארויף אויף די שאפעס פון דער

באס, אויך האבן זיי געהאט ספעציעלע לעקטערס וואס זאל ליכטיג מאכן אין דער טונקל. שפעטערע יארן האבן זיי שוין געקויפט א ווען [טענדער] עס איז אריבער עטליכע חשוב'ע אינגעלייט וואס האבן געהאט און האבן נאך ביז היינט א חלק און דעם גרויסן הפצה פראיעקט.

למעשה איז געווען גאר א נייע אויפטו אז היימישע חסיד'ישע אינגעלייט שטייען און פארקויפן ברסלב'ע ספרים, עס איז נאך דעמאלט נישט געווען צובאקומען אלע ספרים מיט היימישע דעקלעך, רוב ברסלב'ע ספרים זענען געווען ליכטיג בלויע און ליכטיגע ברוינע דעקלעך, אבער אידן האבן געקויפט די הייליגע ספרים, ספעציעל איז געגאנגען זיין שטארק די ספרים ווי, משיבת נפש השתפכות הנפש פארשטייט זיך ליקוטי מוהר"ן, יעדער איד וויל דאך האבן אזא ספר אין זיין שטוב! גראדע פון דעם טרעקל האט זיך געעפנט גאר א גרויסע הפצה פראיעקט וואס פירט זיך ביז היינט דורך גאר חשוב'ע אינגעלייט.

## וואס נאך קענסטו פארציילן איבער די הפצה?

יא, מיין טאטע איז איינמאל געפארן ביז קאנאדע מיט באס, כדי צו מזכה זיין די אידן אין טאהש און מאנטריאל, עס איז געווען א לאנגע רייזע,



ספעציעל ביים גרעניץ האבן זיי אויפגעהאלטן און געוואלט וויסן וואסערע גרויסע ביזנעס מיין טאטע האט, אז ער פארקויפט אזויפיל ספרים, נא, גיי זיי מסביר פאר די אגענטן ביים גרעניץ וואס טייערע סחורה דאס איז באמת...

נאך אן אינטערעסאנטע זאך, איינמאל איז א בחור געקומען מיט אן אנגעפולטע זעקל מיט קליין געלט און געקויפט א סעט ליקוטי הלכות.

איינמאל זייענדיג אין דיל ניו גערסי, איז צוגעקומען אן עלטערע איד און געפרעגט וואס פארקויפט מען דא? הא ברסלב'ע ספרים? רופט ער זיך אן: "בזכות רבינו נחמן בין איך א שומר שבת!". מיין טאטע זאגט מיר אלעמאל, אז דער הייליגער רבי וויל אריינברענגען דעת אין מענטשן מען זאל וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, די אלע ספרים פון רבי'ן לערנען דאס אויס פארן מענטש, אויב דער מענטש לעבט נישט מיטן באשעפער קוקט ער אפשר אויס אינדרויסן ווי א מענטש אבער שכל האט ער ווי א ....

## מענדי, האסטו געהאלפן דיין טאטן מיט די הפצה?

איך בין געווען גאנץ אינג, אבער ווען מיין טאטע פלעגט אהיימברענגען די קליין-געלט פון די הפצה, פלעג איך עס צאמפאקן און גיין מיט מיין מאמע צום דערנעבנדיגן באנק, דארט איז דא א מאשין וואו מען קען ארייןווארפן קליין געלט, דערנאך באקומט מען א צעטל וואו מען גייט צום טישל און דער מענטש גיט די דאללארן. די באנק איינגעשטעלטע האבן נישט אלעמאל געגליכן ווען מיר האבן געברענגט די קליין געלט, אבער איך פלעג מתפלל זיין זיין זאלן נישט שרייען און געבן דאס געלט גרינגערהייט און אונז לאזן גיין.

## זייער שיין, א ריכטיגע הפצה און א קידוש השם האסטו געמאכט!!

## בערי וואס זאגסטו, דו האסט אויך א חלק געהאט?

קודם, האב איך געהאט א חלק אז מיין טאטע פלעגט ליל-שישי און זונטאג אהיימקומען זייער שפעט, די טעג איז ער געווען זייער פארנומען מיט די הפצה, פאר מיר איז נאר געבליבן די זאך צו מתפלל זיין אז ער זאל אויפטון און עס זאל האבן די ריכטיגע השפעה אויף די אלע אידן וואס קויפן די ספרים. אזוי אויך פלעג איך צומאל העלפן שלעפן די ספרים, א חלק פון די ספרים איז געלעגן אפאר יאר ביי אונז אין דער אינטערשטער שטאק.

## מענדי צום שלוס ווילסטו נאך עפעס צולייגן?

איינמאל איז מיין טאטע געפארן מאכן הפצה פארנט פון א שול, גאר א היימישע שול נעבן ניו יארק, ווען דער רב פון שול - גאר א געשמאקע ערליכער רב איז צוגעקומען צום טישל, ער קוקט זיך ארום אויף די ספרים און רופט זיך אן מיט א ערנסטן שמייכל: "הא, איר פארקויפט ברסלב'ע ספרים? איר ווילט איך זאל ווערן א ברלסב'ער? אויב וועל איך ווערן א ברסלב'ער וועל איך דאך מוזן פארן קיין אומאן ראש השנה, נא, - ווייזט דער רב אויף זיין שול - ווער וועט דא זיין דער רב 'ראש השנה' אויב איך וועל פארן?!!!"

**יישר כח בערי און מענדי פאר ענקער צייט, דער אויבערשטער זאל אייך העלפן ענק זאל וואקסן ברסלב'ע חסידים, מפיצים און צדיקים.**

# דער שיכור אין מאָסקווע

אַדִיר אָיוֹם וְנוֹרָא... דֶער זִיסֶער הַארְצִיגֶער נִיגוּן פוּן זְמִירוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת. בָּרוּךְ ה׳ הַיינְט קֶען דָאס יֶעדֶער זִינְגֶען מִיט גֶעפִיל, מִיט אַלֶע הֵיילִיגֶע נִגוּנִים פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה, צוּ בַּאגְלֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי פָּשׁוּט, אַז מֶען זָאל קֶענֶען זִינְגֶען אַזוֹי הוֹיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק זְמִירוֹת, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַאר דֶעם אַסַאךְ מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

דֶער קָאמוּנִיסְטִישֶׁער פְּלַאן הָאט גֶעהוֹיבְּן קָאפּ אִין רוּסְלַאנְד, מִיטְן נָאמֶען פוּן גֶעזֶעץ הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן יֶעדֶעס פִּינְטֶעלֶע אִידִישְׁקֵייט וָואס מֶען קֶען נָאר גֶעפִינֶען, נַייֶע גְּזֵירוֹת זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן מִיט יֶעדְן פְרִימָארְגְן, לֵיידֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי הוֹיפְּט קָאמוּנִיסְטְן פִּיל אָפְּגֶעפָארֶענֶע אִידְן, אַזוֹי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט פוּן אִינֶעוֵוינִיג וִוי אַזוֹי צוּ אַוֶועקְמַאכְן יֶעדֶע גוּטֶע מִידָה. מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט פַארְקוֹיפְן תַּשְׁמִישֵׁי קְדוּשָׁה, אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר אַ צְוֵוייטְן, דִי קִינְדֶער מוּז מֶען שִׁיקְן צוּ דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע שׁוּלֶעס, תּוֹרָה, אֱמוּנָה אִין ה׳ יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה, וִוי אוֹיךְ אַלֶע מִצְווֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז לֵיידֶער גֶעוָוארְן כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין.

אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערֶע גְּזֵירוֹת אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אַרַיינֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַן אַנְדֶערְן שְׁטָאט, אַזוֹי אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט אִין שְׁטָאט הָאט יֶעדֶער מוֹרָא גֶעהַאט אִים צוּ אַרַיינֶעמֶען בַּיי זִיךְ, פוּן שְׁרֶעק פוּן דִי שְׁוַוארְצֶע ק.ג.ב. פָּאלִיצֵיי. דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים וָואס פַּחַד ה׳ אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אוּן אַרַיינְגֶענוּמֶען גֶעסְט טְרָאץ דֶעם גְרוֹיסְן גֶעפַאר.

עֶס הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל גֶעמַאכְט, אוּן דֶער חָסִיד ר׳ הִירְשׁ לֵייבּ לִיפְּל זַ״ל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט מָאסְקֶווע - דֶער גְרוֹיסֶער הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן רוּסְלַאנְד – פַאר זַיין הִשְׁתַּדְלוּת צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן רוּסְלַאנְד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָבֶּער וואוּ וֶועט עֶר אַיינְשְׁטֵיין? דֶער גֶעזֶעץ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטְרֶענְג אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיטְן אַרַיינֶעמֶען אַ גַאסְט אִין שְׁטוּבּ, צוּ וֶוערְן פַארְשִׁיקְט אוֹיף סִיבִּיר ל״ע.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב שַׁבָּת, הָאט עֶר צוּגֶעאַיילְט זַיינֶע טְרִיט צוּ ר׳ מֹשֶׁה יְרוּסְלַבְסְקִי זַ״ל אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אוּן אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ אַיינְשְׁטֶעלְן זַיין לֶעבְּן, אוּן אִיז טַאקֶע דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען שַׁבָּת. אַ גַאנְצְן שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן דִי גוֹיִשֶׁ׳ע שְׁכֵנִים זָאלְן נִישְׁט



דֶערגֵיין אַז אַ גַאסְט אִיז גֶעקוּמֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט מַסְר'ן ח"ו, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעזוּנְגֶען שְׁטִיל דִי זְמִירוֹת, אוּן גֶעפִירְט זֵייעֶר אַיינְגֶעהַאלְטְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּבְּרֶעכְגֶען קֵיין אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

ר' הִירְשׁ לֵייבּ וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, הָאט גֶעוָואלְט זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן לִכְבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר הָאט אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט מוּז מֶען הִיטְן דָאס לֶעבְּן, מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט שׁוֹין ר' הִירְשׁ לֵייבּ גֶעפִילְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, ווִי קֶען מֶען זִינְגֶען דִי הֵיילִיגֶע נִגּוּנִים פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה שְׁטִיל אוּן אַיינְגֶעהַאלְטְן? הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֶעגְט צוּבְּרָאכְן,



וֶוען פְּלוּצְלוּנְג אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּלַאן. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס. בַּיינַאכְט אִיז דִי גַאסְן פוּן מָאסְקְוֶוע פוּל מִיט פּוּסְטֶע גוֹיִשֶׁ'ע שִׁכּוֹרִים, וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוּן זִינְגֶען אוּן שְׁרֵייעֶן פוּן שִׁכְרוּת, ר' הִירְשׁ לֵייבּ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי אַ שִׁכּוֹר, אוּן הָאט גֶענוּמֶען זִינְגֶען דִי זִיסֶע זְמִירוֹת פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה בְּקוֹלֵי קוֹלוֹת אָן קֵיין שׁוּם שְׁרֶעק אוּן בּוּשָׁה... הֵן, הֵן אַתָּה תִקְוָתִי, וְלִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי...

הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן בְּרֶען... מִפַּחַד, מִפַּחַד לְהַצִּילִי..... וֶוען אֵיינֶער אַ גוֹי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ גוּטְן שְׁטוּפּ, אַזוֹי ווִי אַ עֶכְטֶער שִׁכּוֹר... ווַייל לוֹיטְן רוּסִישְׁן גֶעזֶעץ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ אַ שִׁכּוֹר, אַזוֹי הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען אוּן אוֹיךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען קֵיינֶער לֵייגְט נִישְׁט אַכְט אוֹיפְן מָאדְנֶעם שִׁכּוֹר וָואס רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין...

אַזוֹי הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ גֶעזִינְגֶען דִי אַלֶע נִגּוּנִים פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל אִין גַאסְן פוּן מָאסְקְוֶוע, אָן קֵיין שׁוּם שְׁרֶעק פוּן קֵיינֶעם.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט ר' הִירְשׁ לֵייבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר ר' נַחְמָן יִשְׂרָאֵל בּוּרְשְׁטֵיין ז"ל אוּן גֶעזָאגְט אַז דִי שִׂמְחָה אוּן חִיּוּת, דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט בַּיי יֶענֶע זְמִירוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיינַאכְט מִיט קוֹלוֹת עַד לֵב הַשָּׁמַיִם, בִּפְרַט דֶעם זֶמֶר "אַדִּיר אָיוֹם וְנוֹרָא" קֶען עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם זֶמֶר "אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא" בַּיי דִי ווֶערְטֶער " אִישׁ סָחוּ אַחֲרָיו ה' הוּא אֱלֹקִים" הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיבְּן מָאל, ה' הוּא הָאֱלֹקִים, דֶעמָאלְס הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אַז אוֹיךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינְצִיגֶער נָבִיא ה' צְווִישְׁן נַיין הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג פַאלְשֶׁע נְבִיאִים אוּן גֶעשְׁרִיגְן ה' הוּא הָאֱלֹקִים. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִינֶען אוֹיפְן גַאס צְווִישְׁן פִיל שִׁכּוֹרִים, וָואס זֶענֶען בְּנִגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר, אוּן נָאר עֶר אַלֵיין, זַיין הַארְץ אִיז צוּם הִימְל, מִיט זְמִירוֹת שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

(אוצר נחמני)

דערוויַיל איז אַהין אָנגעקומען נאָך אַ 'מענטש', וואס ער האט געריטן אויף אַ 'פערד' - און ער האט געוואָלט אַריינגיין - האט מען אים אויך נישט געלאָזט אַריין, מחמת [צוליב] דעם (כנ"ל.

דערוויַיל האט ער דערזעהן: "[אַז] ס'שטייט דאס 'פערד' פון 'יענעם מענטשן' - איז ער געגאַנגען, און האט גענומען די [אויבנדערמאנטע] 'כלי', און האט זי אַנידערגעלייגט אויף דעם 'פערד' - האט עס אָנגעהויבן צו שפּילן דעם 'זייער וואוילן [וואונדערליכן] ניגון' (כנ"ל [ווי אויבנדערמאנט])"!

האט אים דער 'מענטש' פון דעם 'פערד' זייער געבעטן: "אַז ער זאָל אים [דאָס] פאַרקויפן"! און ער האט אים געענטפערט: "וואס קענסטו מיר געבן, פאַר אַזוי אַ [אַזא] 'וואונדערליכע כלי'"?!

האט דער 'מענטש' פון דעם 'פערד' צו אים געזאָגט: "וואס קענסטו דען טאָן מיט דער [דאָזיגער] 'כלי'? - נאָר דו וועסט [קענסט] מאכן מיט איר אַ 'קאָמעדיע' [שפּיל], און דו וועסט נעמען [באַקומען] אַ 'גילדן'!

איך קען אָבער אַ זאַך - וואס ס'איז בעסער פון דיין 'כלי' - איך ווייס אַ זאַך, וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע 'עלטערנס-עלטערן': - "אַז מ'זאָל זיין אַ 'מבין דבר מתוך דבר'"! - דהיינו: איך ווייס אַזוי אַ [אַזא] זאַך וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע 'עלטערנס-עלטערן' - וואס דורך דער [דאָזיגער] זאַך, קען מען זיין אַ 'מבין דבר מתוך דבר' (מ'זאָל פאַרשטיין איין זאַך פון דער אַנדערער זאַך).

אַז [ווען] איינער רעדט עפּעס אַ [פּשוט'ן] 'וואָרט' - קען מען דורכדעם וואס איך האב מקבל געווען - 'אַז מ'זאָל פאַרשטיין דבר מתוך דבר' (דהיינו: איין זאַך פון דער אַנדערער)!

און איך האב נאָך די [דאָזיגע] זאַך נישט אויסגעזאָגט, פאַר קיין שום 'מענטשן' אין דער וועלט. בכן [דעריבער], וועל איך דיך אויסלערנען די דאָזיגע זאַך - און דו וועסט מיר געבן די דאָזיגע 'כלי' דערפאַר"!

האט ער זיך מיישב געווען (דהיינו: דער 'אמת'ער בן-מלך', וואס ער האט געהאט די 'כלי'): [אַז] ס'איז אַ אמת [באמת] אַ 'גרויס חידוש' אַז מ'זאָל זיין אַ 'מבין דבר מתוך דבר'! האט ער אים אַוועקגעגעבן די 'כלי'!

און 'ער' (דהיינו: דער 'מענטש' פון דעם 'פערד') איז געגאַנגען, און האט אים אויסגעלערנט ער זאָל זיין אַ 'מבין דבר מתוך דבר'!

און דער 'אמת'ער בן-מלך' - מחמת [ווייל] ער איז שוין געוואָרן אַ 'מבין דבר מתוך דבר' - איז ער דאָרט אומגעגאַנגען ביי דעם 'טויער' פון דער [אויבנדערמאנטער] 'מדינה' - און ער האט פאַרשטאַנען: "אַז ס'איז יאָ געמאָלט [מעגליך], אַז ער זאָל זיך דאס אונטערנעמען, אַז ער זאָל [וועט] אומקערן צו דער 'מדינה' דעם 'ערשטן נאָמען'"!

- וואָרן ער איז זיך שוין געוואָרן אַ 'מבין דבר מתוך דבר' - איבערדעם [צוליב דעם] האט ער פאַרשטאַנען: "אַז ס'איז געמאָלט [מעגליך]"!

כאָטשע ער האט נאָך נישט געוואוסט וויאַזוי, ווירמער [אויף וועלכן אופן] וועט ער דאס קענען, אַז ער זאָל [וועט] אומקערן דעם 'ערשטן נאָמען'

צוּ דֶער 'מְדִינָה' - נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר' - הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז סְ'אִיז גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ]"!

*

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] עֶר וֶועט זִיךְ הֵייסְן אַרַיינְלָאזְן! - אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן צוּ דֶער 'מְדִינָה', דֶעם 'עֶרְשְׁטְן נָאמֶען'! - וָואס וֶועט עֶר דָא צוּלֵייגְן [דֶערְלֵייגְן]"?!

הָאט עֶר גֶעזָאגְט (צוּ דִי 'מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן): "אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְלָאזְן - אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע - אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן [צוּ] דֶער 'מְדִינָה', דֶעם 'עֶרְשְׁטְן נָאמֶען'"!

הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעלָאזְט!

אוּן מְ'הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען [פַאר] דִי 'שָׂרִים': "אַז סְ'גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'מֶענְטְשׁ' - וָואס עֶר וִויל זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, [אַז] עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן [צוּ] דֶער 'מְדִינָה', דֶעם 'עֶרְשְׁטְן נָאמֶען'"!

הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], צוּ דִי 'שָׂרִים' פוּן דֶער 'מְדִינָה'!

הָאבְּן אִים דִי 'שָׂרִים גֶעזָאגְט: "דוּ זָאלְסְט וִויסְן: אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קַיין 'נַעֲרָנִים' נִישְׁט חַס־וְשָׁלוֹם - נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' וָואס סְ'גֶעוֶוען - עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'וִוילְד־גְרוֹיסֶער חָכָם' זֵייעֶר - וָואס אַקֶעגְן אִים, זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעוֶוען 'נַעֲרָנִים' - אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] פְלֶעגְט מֶען דִי 'מְדִינָה' צוּ רוּפְן: 'דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת'!

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשְׁטָארְבְּן - אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' - אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז אוֹיךְ אַ 'חָכָם' - נָאר אַקֶעגְן אוּנְז, אִיז עֶר גָאר קַיין 'חָכָם' נִישְׁט - אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] רוּפְט מֶען הַיינְט דִי 'מְדִינָה' פַארְקֶערְט: 'דָאס קְלוּגֶע לַאנְד, אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' 'צַוָואָה גֶעלָאזְט: אַז [אוֹיבּ] סְ'וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם', וָואס עֶר זָאל קֶענֶען אוּמְקֶערְן צוּ דֶער 'מְדִינָה', דֶעם 'עֶרְשְׁטְן נָאמֶען' - זָאל עֶר זַיין 'מֶלֶךְ'!

אוּן [דֶער 'מֶלֶךְ'] הָאט אָנְגֶעזָאגְט [צוּ] דֶעם 'זוּהְן': אַז [אוֹיבּ] סְ'וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] - זָאל עֶר אִים אָפְּטְרֶעטְן [אַוֶועקְגֵיין, אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן] דִי 'מְלוּכָה'!

דְהַיְינוּ: אַז [אוֹיבּ] סְ'וֶועט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם' - וָואס עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי אַ [אַזַא] 'וִוילְד־גְרוֹיסֶער חָכָם' - וָואס אַקֶעגְן אִים וֶועלְן זֵיי אַלֶע זַיין 'נַעֲרָנִים' - זָאל עֶר וֶוערְן 'מֶלֶךְ'!

וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ - וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוּמְקֶערְן צוּ דֶער 'מְדִינָה', דֶעם 'עֶרְשְׁטְן נָאמֶען': 'דָאס נַארִישֶׁער לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת' - וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע 'נַעֲרָנִים' אַקֶעגְן אִים!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאלְסְטוּ וִויסְן וָואס דוּ נֶעמְסְט דִיךְ דָא אוּנְטֶער"!

(אַזוֹי הָאבְּן אַלְץ [אַלֶעס] דִי 'שָׂרִים', צוּ אִים גֶעזָאגְט)!

נָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "דִי 'פְּרוּב' וֶועט זַיין אוֹיבּ דוּ בִּיזְט [טַאקֶע] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם' - בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְ'אִיז דָא פַארְהַאנְדְן אַ 'גָארְטְן', וָואס סְ'אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' וָואס סְ'גֶעוֶוען, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיסֶער חָכָם' - אוּן דֶער 'גָארְטְן', אִיז זֵייעֶר אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] חִידוּשׁ' - סְ'וַואקְסְן אִין אִים 'כְּלֵי־

מַתְּכוּת' (דְהַיְינוּ: 'כֵּלִים' פוּן 'אַייזְנְוַוארְג'), 'זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים', אוּן 'גִילְדֶענֶע כֵּלִים' – אוּן עֶר אִיז אַ 'ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] חִידוּשׁ' זַייעֶר.

נָאר מְ'קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם 'גָארְטְן' – וָוארְן אַז [אוֹיבּ] אַ 'מֶענְטְשׁ' גֵייט אִין אִים אַרַיין – אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אִים אָן תֵּיכֶּף צוּ יָאגְן – אוּן מְ'יָאגְט – אוּן עֶר שְׁרַייט – אוּן עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, אוּן זֶעהְט גָארְנִישְׁט, וֶוער סְ'יָאגְט אִים – אוּן אַזוֹי יָאגְט מֶען אִים אַלְץ, בִּיז מְ'מַאכְט אִים אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם 'גָארְטְן'! בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] וֶועלְן מִיר זֶעהְן, אוֹיבּ דוּ בִּיזְט אַ 'חָכָם': אַז [אוֹיבּ] דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם 'גָארְטְן''!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "צוּ מְ'שְׁלָאגְט דֶעם 'מֶענְטְשׁ' וָואס עֶר גֵייט אַרַיין"?!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "דֶער עִיקָר אִיז, [אַז] מְ'יָאגְט אִים – אוּן עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וֶוער סְ'יָאגְט אִים – אוּן עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן מִיט גְרוֹיס 'בֶּהָלָה' זֵייעֶר – וָוארְן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי דֶערְצֵיילְט 'מֶענְטְשְׁן' וָואס זֵיי זֶענֶען אַהִין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען"! (אַזוֹי הָאבְּן אַלְץ [אַלֶעס] גֶעזָאגְט דִי 'שָׂרִים', צוּ דֶעם 'אֱמֶת'ן בֶּן־מֶלֶךְ')!

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם 'גָארְטְן'!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: [אַז] סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'מוֹיעֶר' אַרוּם אִים – אוּן דֶער 'טוֹיעֶר' אִיז אָפְן – אוּן סֶע [סְ'אִיז] קַיין 'שׁוֹמְרִים' דָארְט נִישְׁט פַארְהַאנְדְן – וָוארְן מְ'בַּאדַארְף בְּוַודַאי נִישְׁט קַיין 'שׁוֹמְרִים' צוּ דֶעם 'גָארְטְן' (וָוארְן סְ'קֶען זִיךְ קֵיינֶער, אִין אִים נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בַּיי דֶעם 'גָארְטְן' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ')! הָאט עֶר אַ קוּק גֶעטָאן – הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: אַז סְ'שְׁטֵייט דָארְט נֶעבְּן דֶעם 'גָארְטְן', אַ 'מֶענְטְשׁ' – דְהַיְינוּ: סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶועןְ אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אַ 'מֶענְטְשׁ'!

הָאט עֶר וַוייטֶער אַ קוּק גֶעטָאן – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז אִיבֶּער [הֶעכֶער] 'דֶעם מֶענְטְשְׁן', אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'טַאבְּלִיצֶע' [טָאוֶועל פוּן הָאלְץ] – אוּן דָארְט שְׁטֵייט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז דֶער [דָאזִיגֶער] 'מֶענְטְשׁ', דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ', פַאר כַּמָה מֵאוֹת שָׁנִים (פַאר וִויפִיל [עֶטְלִיכֶע] הוּנְדֶערְט יָאהְר) – אוּן [אַז] אִין דִי 'צַייטְן' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', אִיז גֶעוֶוען 'שָׁלוֹם' – וָוארְן בִּיז דֶעם 'מֶלֶךְ', אִיז גֶעוֶוען 'מִלְחָמוֹת' – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] נָאךְ אִים, אִיז [אוֹיךְ] גֶעוֶוען 'מִלְחָמוֹת' – אוּן אִין דִי 'טֶעג' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' אִיז גֶעוֶוען 'שָׁלוֹם'!

הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר': אַז סְ'אִיז גָאר גֶעוֶוענְד [גֶעוָואנְדְן] אִין 'דֶעם מֶענְטְשְׁן' – אַז [וֶוען] מְ'גֵייט אִין דֶעם 'גָארְטְן' אַרַיין, אוּן מְ'הֵייבְּט אָן צוּ יָאגְן – בַּאדַארְף מֶען גָארְנִישְׁט צוּ אַנְטְלוֹיפְן – נָאר מְ'זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן 'דֶעם מֶענְטְשְׁן' – [אוּן] דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן!

נָאכְמֶער אֲפִילוּ – אַז מְ'זָאל [אוֹיבּ מְ'וֶועט] נֶעמֶען 'דֶעם מֶענְטְשְׁן' – אוּן מְ'זָאל [מְ'וֶועט] אִים אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִינֶעוֵוייניג אִין דֶעם 'גָארְטְן' אַרַיין – אַזוֹי וֶועט קֶענֶען 'אִיטְלֶעכֶער מֶענְטְשׁ' אַרַיינְגֵיין 'בְּשָׁלוֹם', אִין דֶעם 'גָארְטְן' אַרַיין!

(אַזוֹי הָאט אַלְץ [אַלֶעס] פַארְשְׁטַאנֶען דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ' – וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר')!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוועטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתהלפו (6)

**א. וואס האט אים דער מענטש פונעם פערד געגעבן פאר די כלים?**
- ☐ גאלד און זילבער
- ☐ ער האט אים געלערנט צו זיין א מבין דבר מתוך דבר
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער אמת'ער בן המלך פארשטאנען נאכדעם וואס ער איז געווארן א מבין דבר מתוך דבר?**
- ☐ ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די ערשטע נאמען "די נארישע לאנד און קלוגער מלכות"
- ☐ ער האט פארשטאנען ווי אזוי ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען
- ☐ ער האט פארשטאנען אז ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען– כאטש ער ווייסט נישט וויאזוי

**ג. וואס האבן די שרים געזאגט פאר'ן בן המלך?**
- ☐ אז עס איז נישט שווער צו צוריק קערן דעם נאמען ווייל די מדינה זענען נערנים
- ☐ אז די מדינה זענען נישט קיין נערנים נאר אנטקעגן דער קלוגער קעניג וואס איז געשטארבן זענען מיר אלע געווען נערנים
- ☐ אז דער קעניג איז נישט געווען אזוי קלוג נאר ער האט געהאט א עצה געבער

**ד. פארוואס האבן זיי נישט אריינגעלעזט נאר ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען פון די מדינה?**
- ☐ ווייל די שרים האבן געוואלט אז ס'זאל זיין א קלוגער קעניג פאר די מדינה
- ☐ ווייל דער קעניג האט געלאזט צוואה אז ווער ס'וועט צוריק קערן די נאמען ער זאל ווערן קעניג
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט געוואקסן אין די גארטן פון דער פריערדיגע קעניג?**
- ☐ פרוכט און גרינצייג
- ☐ שיינע בלומען
- ☐ אייזערנע כלים זילבערנע כלים און גאלדענע כלים

**ו. וואס האט פאסירט צו ווער ס'האט געוואלט אריין אין גארטן**
- ☐ מ'הייבט אים אהן זייער צו יאגן
- ☐ מ'שלאגט אים
- ☐ מ'לאזט אים אריין גיין רוהיג

**ז. וואס איז געשטאנען אויף די טאבליצע וואס איז געווען העכער דעם אויסגעמאלענע מענטש?**
- ☐ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום
- ☐ אז ער איז געווען קעניג פאר א פאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען מלחמות
- ☐ אז ער איז געווען קעניג פאר אפאר הונדערט יאר צוריק און אין זיינע צייטן איז געווען שלום

**ח. וואס האט דער בן המלך פארשטאנען ווען ער האט דאס געזעהן?**
- ☐ אז ווער עס גייט אריין אין גארטן און מ'יאגט אים דארף ער זיך שטעלן נעבן דעם מענטש
- ☐ אז אויב מ'וועט נעמען דעם מענטש און מ'וועט עס אריין לייגן אין דעם גארטן וועט יעדער קענען אריין גיין
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



### טיפער גאטראכט

**וועלכע גוטע מידה קען מען זיך לערנען די וואך פון די מעשה ?**

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך**

וויפלמאל האט דער עבד איינגערעדט דעם אמת'ן בן מלך – און צו דען האט ער אים געפאלגט ?
3 מאל, די ערשטע צוויי מאל האט ער אים געפאלגט, אבער צום דריטן מאל האט ער אים נישט געפאלגט

**געווינער אויף בן המלך ובן השפחה #5 איז הילד החשוב מרדכי יהודה הייլפרין, בית שמש טעלעפאן *** 7868**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## הוילֶע דִמְיוֹנוֹת

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַ מָשָׁל אִין נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

אַ קֶענִיג הָאט אַמָאל גֶעלֵייגְט אַ רִיזְן אוֹצָר אוֹיף אַן אָרְט, אִיבֶּער דֶעם אוֹצָר הָאט עֶר אַרוּמְגֶערִינְגְלְט מִיט מֶערֶערֶע חוֹמוֹת, דִי חוֹמוֹת זֶענֶען לְמַעֲשֶׂה גֶעוֶוען נָאר אַן אוֹיגְן-פַאבְּלֶענְדֶענִיש.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעבְּן דִי חוֹמוֹת - צוּ קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי אוֹצְרוֹת, דֶערְגֲרֵייכְנְדִיג דִי הוֹיכֶע חוֹמוֹת הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט אַז דָאס זֶענֶען אֶמֶתֶ'ע וֶוענְט וָואס אִיז גָאר שְׁוֶוער צוּ צֶעבְּרֶעכְן. עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ זָאפָּארְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוֹיף צוּרִיק, אַ טֵייל הָאבְּן צֶעבְּרָאכְן אֵיין חוֹמָה אָבֶּער דֶעם צְוֵייטְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט בַּאוִויזְן צוּ צֶעוָוארְפְן.

גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ אוּמְוַוארְפְן עֶטְלִיכֶע חוֹמוֹת אָבֶּער פָּארְט זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין עֶטְלִיכֶע חוֹמוֹת אוּמְגֶעשֶׁעדִיגְט. בִּיז דֶער בֶּן-הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ וֵייס אַז דִי אַלֶע חוֹמוֹת זֶענֶען נָאר אַ דִמְיוֹן, זֵיי קוּקְן אוֹיס וִוי אֶמֶתֶ'ע וֶוענְט, צוּם אֶמֶת זֶענֶען זֵיי נָאר אַ פַאנְטַאזְיֶע," מִיט דֶעם שְׁטַארְקֵייט אִיז דֶער בֶּן-הַמֶּלֶךְ אַרִיבֶּער אַלֶע חוֹמוֹת.

מִיר קֶענֶען אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין דֶער נִמְשָׁל וֶוען מִיר טְרֶעפְן זִיךְ אָן מִיט אַלֶע סָארְטְן מְנִיעוֹת אוּן אֵיינְרֶעדֶענִישְׁן אוּן קַאפְּרִיזְן וָואס שְׁטֵייעֶן אִיבֶּער אוּנְזֶער אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי דִמְיוֹנוֹת קְרִיכְן אַרַיין אִין אוּנְזֶער מֹחַ וִוי חוֹמוֹת, אָבֶּער צוּם אֱמֶת זֶענֶען זֵיי נִישְׁט מֶער וִוי הוֹילֶע לוּפְט.

דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אוּן דְרֵייסְטֶע הַארְץ, דַאן הָאט מֶען מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם מְנִיעָה, סְפֶּעצִיעֶל דִי מְנִיעוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת, וִוי גֶעלְט אָדֶער וֶוען חֲבֵרִים אָדֶער שְׁכֵנִים לַאכְן אָפּ אוּן שְׁטֶערְן פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן א.ד.ג. אַלֶעס וֶוערְט בָּטֵל וּמְבֻטָּל פַאר דֶעם וָואס זַיין הַארְץ אִיז שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אַזַא אֵיינֶער קֶען מִיט זַיין שְׁטַארְקֵייט פוּן הַארְץ אַרַיינְלוֹיפְן מִיט זִיכֶערְקַייט אִין מִלְחָמָה קְרַאפְט אָן פַּחַד, וִוי עֶס וֶוערְט עֶנְלִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים.

(ליקוטי מוהר"ן ח"ב מ"ו)